Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.

NAJER FOLKSBLAT | פרייז 20 גראשען. | היינט 8 זייטען.

# נייער פאלקסבלאט

№ 161 | Łódź, Niedziela 13 lipca 1930 r. | אכטער יאהרגאנג | לאדז, זונטאג י"ז תמוז תר"ץ | № 161

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. | אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל. 71=224

# גרויסע פאליטישע רעדע פון מארש. פילסודסקי אויפ'ן לעגיאניסטען-קאנגרעס אין ראדאם

װאַרשע, 12. (טעלעפאניש פון אונזער קארעספאנדענט). דעם 10-טען אויגוסט װעט אין ראדאם פארקומען דער 9-טער לעגיאניסטען-קאנגרעס.

אין קאנגרעס װעט זיך אויך בעטייליגען מארשאל פילסודסקי װעלכער װעט האלטען א גרויסע פאליטישע רעדע.

אין די סאנאציע-קרייזען גיט מען צו דער דאזיגער רעדע זעהר א גרויסע בעדייטונג. לויט װי מען מעלדעט װעט דאס זיין א װענדע-פונקט אין דער איצטיגער סיטואציע.

א חוץ דעם װעט אויפ'ן קאנגרעס האלטען א רעדע פרעמיער סלאװעק.

א בעזונדער פעראינטערעסירונג רופט אויך ארויס דער פאקט, װאס אויפ'ן קאנגרעס װעט אויך ארויסטרעטען מיט א רעדע דער גענעראל רידז-שמיגלא, װעלכער האט לעצטענס װי בעװאוסט פערעפנטלעכט א קריטישע שטעלונג בנוגע דער פאליטיק פון דער פולקאװניקעס-גרופע.

דער ראדאמער צוזאמענפאהר װערט בעטראכט אלס א מאניפעסטאציע פון די כוחות פון דער סאנאציע.

## אנטיסעמיטישע אונרוהען אין א יודיש שטעטעל

װיען, 12. (יט"א טעלעגראפיש). פון בוקארעשט װערט מיטגעטיילט או אין שטעטעל סוטשאװא אין בוקאװינא (שאץ) זענען אויסגעבראכען אנטיסעמיטישע אונרוהען. ס'זענען פארװאונדעט געװארען פיל יודען, און עס זענען דעמאלירט געװארען יודישע געשעפטען.

פאליציי האט אינטערװענירט און צוריקגעשטעלט די ארדנונג.

## א גרויסע שרפה אין א פאריזער מאגאזין

### פערברענט געװארען פאר 40 מיליאן פראנק סחורות

פאריז, 12 (ספ. טעל.) די פערגאנגענע נאכט איז אויסגעבראכען א שרפה אין א גרויסען פאריזער מאגאזין „נובעל גאלעריע". דאס פייער איז אויסגעבראכען ביינאכט און האט זיך מיט א גוואלדיגער שנעלקייט פערשפרייט אויף אלע אבטיילונגען פון מאגאזין. די רעטונגס-אקציע איז געװען זעהר בעשװערט און האט זיך בעגרענצט נאר מיט אבהיטען, אז דאס פייער זאל זיך נישט אריבערכאפען אויף אנדערע בנינים. ביז אינדערפריה איז דאס גאנצע הויז פערברענט געװארען.

דער היזק פון די סחורות, װאס האבען זיך געפינען אין מאגאזין בעטרעפט 30 ביז 40 מיליאן פראנק.

## הנחה-טאריף פאר א"י-סחורות אויף עגיפטישע אייזענבאהנען

קאַיראָ, (יט"א) די א"י-רעגירונג האט זיך געװענדעט צו דער עגיפטישער רעגירונג מיט דער ביטע איינצושטעלען אויף די עגיפטישע אייזען-באהנען פאר א"י-סחורות א הנחה-טאריף פון פראכט אויף דריי און-דרייסיג פראצ. ווי יט"א דערוויסט זיך, וועט די עגיפטישע רעגירונג נאכקומען דער דאזיגער ווענדונג.

## דאנקזאגונג.

אונזערע טייערע קינדער פאר זייערע ברכות און מתנות צו אונזערער

**זילבערנער האכצייט**

דאנקען מיר פון טיפסטען הארץ און װינשען מיט זיי צוזאמען צו פייערן אונזער גאלדענע האכצייט און צו האבען פון זיי גרויס נחת

עלטערן גאלד.

## קופאן 8

דריטע סעריע

פון גרויסען פרעמיען-קאנקורס פון „נייעם פאלקסבלאט"

כדי זיך צו בעטייליגען אין דער 3. סעריע פון פרעמיען-קאנקורס, איז גענוג צו צושטעלען בלויז 20 קופאנען

שנייד אויס דעם קופאן!

## ווייטערדיגע אנפאלען פון קוזיסטען אויף די יודען פון בארשא

וויען, 12 (טעלעגראפיש) פון רומענישען שטעטעל בארשא קומען אן ידיעות, אז כוליגאנעס זענען ווידער בעפאלען די היימלאזע יודען און פערוואונדעט פיל פון זיי. די פאליציי האט אינטערווענירט און ארעסטירט עטליכע פון די אנפאלער-

נאך לאנגע און שווערע ליידען איז נעכטען שבת קודש געשטארבען אין עלטער פון 67 יאהר, אונזער טייערע און אונפערגעסליכע מוטער, שוויגערמוטער, גרויסמוטער, שוועגעריז און טאנטע

# נ"ע הינדע אשת ר' שלמה ז"ל גאטהעלף

(בת ר' ישעיה ריפינער ז"ל)

די לויה קומט פאר היינט, זונטאג, דעם 13 יולי 1930, 12 א זייגער בייטאג פון טרויער-הויז צעגעלניאנא 10, וועגען וואס עס טיילען מיט אין גרויס צער

**די טיפטרויערנדע הינטערבליבענע.**

„פארק העלענאוו"

היינט, זונטאג, דעם 13-טען יולי ד. י. ארדענט איין „הכח" יודישער טורן- און ספארט-פאראיין

# א גרויסע יובילעאום-גארטען-פערווילונג

מיט א פערשידענארטיג פראגראם: א ראקעט אויף דער לבנה / ספארט-שאפקע, מיט'ן אנטייל פון די פארשטעהער פון דער לאדזער געזעלשאפט / עוואלוציעס פון אעראפלאנען / פייערווערק אויפ'ן וואסער / פאנטאן-לאמטעריע מיט ווערטפולע געווינסטען / אייגענער בופעט. / ארקעסטער אונטער דער ליימונג פון ה' דיר. טעאדאר רידער.

